## וואָס לאָזט איר, פּאָעטן, דעם פֿרילינג נישט אָפּ ?

אַז די פֿרייד הענגט גלייך, ווי אַ ווירע
צווישן דעם וואָלקן און דעם סאַמאָכאָד,
אַז דער זון איז צו ענג איר הימלישע דירה
און זי וואוינט אין מענטש׳ס אויג, אין די האָר, אין זיין טראָט, -

וואָס טשעפּעט עס אייך, פּאָעטן !

אַז טאָג זעט שוין אין שלאָף נישט קאָשמאַר פֿון שניי, קעלט :
מען האָט אים פֿון האַרץ זיין האַנט אָפּגענומען.
אַז אַ בוך מיט אַ גאָלדענעם ראַנד איז די וועלט,
אַז די נעכט זענען גרינע צועפֿנטע בלומען, -

וואָס טשעפּעט עס אייך, פּאָעטן !

אַז איינעם אַ מענש האָט דער וואַרעמער טאָג
זיין לעצטע ליבע געבראַכט אַ מתּנה,
און ער לאָזט זיך שפּרינגען פֿון דעם פֿערטן שטאָק
צו כאַפּן זיין טרוים וואָס זיצט אין דער לבנה

ווי אַ שפּילקע אין אַ קראַוואַט.
און אַ וואָך צוריק האָט ער אַזוי קלוג געלאַכט
פֿון דיכטער וואָס ליניעווען און צירקלען אַקוראַט
די מינוט און די רגע ווען דער פֿרילינג דערוואַכט.

אַז קראַנקע שטעלן ביים פֿענצטער די בעטן,
אַז דורשטיק זופּען קעלערס דעם פֿרילינג, ווי ווין, -
וואָס גייט עס אייך אָן ? - העי, פּאָעטן,
פֿון אייך וועט שוין קיינמאָל קיין לייט נישט זיין.

---

דער מאָמענט 27, נומ׳ 139, יוני 17, 1938, ז׳ 9